# AND MAYBE EVEN HIGHER

And every morning at the time for the penitential prayers, the Nemirover *rebbe* would disappear; vanish!

He was nowhere to be seen: not in the synagogue, not in either of the study-houses, not at a prayer-gathering, and surely not at home. The house stood open. Anyone who wanted to could go in or out; *nobody* stole from the *rebbe*. But not a living soul was to be found in the house.

Where can the *rebbe* be?

Where *could* he be? In heaven, of course. Do you think a *rebbe* doesn't have a lot of affairs to attend to during the Days of Awe? Jews, God save them, need to earn a living; need peace, health, good marriages for their children; want to be good and God-fearing. But their sins are great, and Satan with his thousand eyes watches, and accuses, and informs . . . and — who is to help if not the *rebbe*?

That is what the people thought.

Once, though, a Litvak arrived in town, and he scoffed! You know the Litvaks: they don't have a high opinion of the books of ethics; instead they cram themselves full of Talmud and commentaries. And the Litvak quotes an explicit text and leaves you



# אויב נישט נאָך העכער

און דער נעמיראָווער פֿלעגט סליחות־צײַט יעדן פֿרימאָרגן נעלם ווערן, פֿאַרשווינדן!

מען פֿלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתּי־מדרשים, נישט בײַ אַ מנין, און אין דער היים אַוודאי און אַוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפֿן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען: געגנבֿעט בײַם רבין האָט מען נישט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש איז אין שטוב נישט געווען.

ווו קען זײַן דער רבי?

ווו זאָל ער זײַן? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפֿטן האָט אַ רבי פֿאַר ימים־נוראים צו פֿאַרזאָרגן? ייִדעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפֿן פּרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פֿרום זײַן, און די זינד זענען דאָך גרויס, און דער שׂטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פֿאַרקלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפֿן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איין מאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פֿון מוסר־ספֿרים האַלטן זיי ווייניק, דערפֿאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופּוסקים. ווײַזט דער ליטוואַק אַ בפֿירושע

with your mouth open: Even Moses wasn't allowed to ascend to heaven during his lifetime, but had to stop ten handbreadths below! Try to argue with a Litvak!

— Where else does the *rebbe* go, then?

— How should I know? — he answers with a shrug. And before the words are out of his mouth (what a Litvak is capable of!) he resolves to get to the bottom of it.

* * *

The very same evening, just after the evening prayers, the Litvak steals into the *rebbe's* bedroom, creeps under his bed, and lies there. He intends to wait all night and see where the *rebbe* goes; what he does during the time of the penitential prayers.

Someone else might have dozed off and missed the occasion, but a Litvak finds a way: he repeats from memory an entire tractate of the Talmud! I can't remember whether it was "Profane Things" or "Vows."

Before sunrise he hears the call to prayers.

The *rebbe* had already been awake for a time. He had heard him groaning for almost a whole hour.

Anyone who has ever heard the Nemirover groaning knows how much sorrow for the Jewish People, how much suffering there was in each groan... Hearing the *rebbe* groan would dissolve you in pity. But a Litvak's heart is made of iron. He hears it and just keeps lying there. The *rebbe* lies there too: the *rebbe*, God bless him, on the bed; the Litvak under the bed.

* * *

The Litvak hears the beds in the house begin to creak; hears the inhabitants leave their beds, hears the murmur of a blessing, hands being washed, doors opening and closing. The people leave



גמרא — די אויגן שטעכט ער אויס. אַפֿילו משה רבנו, וווײַזט ער, האָט בײַם לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפֿן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפֿחים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— ווו־דען קומט אַהין דער רבי?

— מײַן דאגה! — ענטפֿערט ער און ציט מיט די אַקסל, און תּוך כּדי דיבור (וואָס אַ ליטוואַק קען!) איז ער זיך מישבֿ, צו דערגיין די זאַך.

* * *

נאָך דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריבֿ, גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַרײַן, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צײַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפֿשר אײַנגעדרעמלט און פֿאַרשלאָפֿן די צײַט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים!

פֿאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּ צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפֿן אַ צײַט. ער הערט אים שוין אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס, וויפֿל צער פֿאַר כּל ישׂראל, וויפֿל יסורים עס האָט געשטעקט אין זײַן יעדן קרעכץ... די נשמה פֿלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אײַזן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער! דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי, זאָל לעבן, אויפֿן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

* * *

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פֿון די בעטן, ווי מען מורמלט אַ ייִדיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פֿון שטוב, עס

the house, and once again it is quiet and dark. Through the shutter a small gleam of moonlight barely penetrates...

The Litvak confessed that when he was left all alone with the *rebbe* he was seized with terror. His skin prickled with fear and the roots of his earlocks pierced his temples like needles.

It's nothing to laugh about: alone in a room with the *rebbe*, before daylight in the Days of Awe!...

But a Litvak is stubborn; so he shivers like a fish in the water, but he continues to lie there.

* * *

Finally the *rebbe*, God bless him, gets out of bed...

First he does all the things a Jew is obliged to do, then he goes to the clothes chest and removes a bundle... Peasant garments appear: linen trousers, great boots, a coat, a big fur hat, and a large leather belt studded with brass nails.

The *rebbe* puts them on. From the pocket of the coat a thick rope sticks out; the kind of rope peasants use!

The *rebbe* leaves; the Litvak follows.

On his way out the *rebbe* goes into the kitchen, stoops, removes an axe from under a bed, thrusts it through his belt, and leaves the house.

The Litvak trembles, but he doesn't falter.

* * *

A quiet autumnal sense of awe hovers over the dark streets. Often a cry can be heard from one of the prayer groups reciting



ווערט ווײַטער שטיל און פֿינצטער, דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן אַ קליין ביסל ליכט פֿון דער לבֿנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איי־נער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפֿאַלן אַן אימה. די הויט איז שוין אים אויפֿגעלאָפֿן פֿאַר שרעק, די וואָרצלען פֿון די פּאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפֿן ווי די נאָדלען.

אַ קלייניקײַט: מיטן רבין, און סליחות־צײַט, פֿאַר טאָג, אַליין אין שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פֿיש אין וואַסער און ליגט.

* * *

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פֿריער טוט ער, וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווײַזן זיך פּויערשע קליידער: לײַוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיער־מיענגע, אַ גרויס פֿוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פֿון דער קעשענע, פֿון סיערמיענגע, סטאַרטשעט אַרויס אַן עק פֿון אַ גראָבן שטריק... פֿון אַ פּויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך אײַן, פֿון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פֿאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פֿון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

* * *

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפֿט רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי פֿון סליחות פֿון ערגעץ אַ מנין,

the penitential prayers, or a sickly groan through a window... The *rebbe* keeps to the edges of the street, in the shadow of the houses... He glides from one house to the next, with the Litvak behind him...

And the Litvak hears his own heartbeats mingle with the heavy footfalls of the *rebbe*: but he continues nevertheless, and together with the *rebbe* he arrives outside of the town.

* * *

Beyond the town there's a wood.

The *rebbe*, God bless him, enters the wood. He walks thirty or forty paces and stops beside a young tree. And the Litvak is amazed to see the *rebbe* take the axe from his belt and begin to hack at the tree.

He watches the *rebbe* chop and hears the tree groan and snap. And the tree falls, and the *rebbe* splits it into logs and the logs into chunks of wood; and he makes a bundle of these chunks and ties it with the rope in his pocket. He throws the bundle over his shoulder, sticks the axe back in his belt, and walks out of the wood and back to town.

In a back street he stops before a half-collapsed house and knocks at a window.

— Who is it? — a frightened voice calls from within. The Litvak recognizes a woman's voice; the voice of a sick woman.

— Me! — the *rebbe* answers in a peasant dialect.

— Who "me"? — the voice from inside asks again.

And the *rebbe* answers again in Ukrainian: "Vasil!"

— Vasil who? And what do you want, Vasil?

— Wood — says the supposed Vasil — I have firewood for sale. Very cheap. I'm practically giving it away!



אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פֿון ערגעץ אַ פֿענצטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זײַטן פֿון די גאַסן, אין די שאָטן פֿון די הײַזער... פֿון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זײַן אייגן האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פֿון רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

* * *

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרײַן. ער מאַכט אַ דרײַסיק־פֿערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ בוימל און דער ליטוואַק ווערט נבֿהל ונשתּומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פֿון פּאַס די האַק און שלאָגט אין בוימל אַרײַן.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס בוימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס בוימל פֿאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פֿון קעשענע, ער וואַרפֿט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַרײַן די האַק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פֿון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פֿענצטערל.

— ווער איז? — פֿרעגט מען דערשראָקן פֿון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פֿון אַ ייִדענע, פֿון אַ קראַנקער ייִדענע.

— יאַ! — ענטפֿערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ? — פֿרעגט מען ווײַטער פֿון שטוב.

און דער רבי ענטפֿערט ווײַטער, אויף מאַלאָרוסיש לשון: וואַסיל!

— וואָס פֿאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ, — זאָגט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, — האָב איך צו פֿאַרקויפֿן! זייער ביליק... בחצי חינם האָלץ!

And without waiting for an answer, he walks into the house.

* * *

The Litvak steals in behind him and by the gray light of dawn he sees a bare room with rickety furniture... A sick woman lies in bed, covered with rags, and she says bitterly:

— Buy wood? With what should I buy it? I'm a poor widow; what money do I have?

— You can have it on credit! — answers the supposed Vasil, — it comes to six groshen altogether!

— How will I pay it? — the poor woman groans.

— Foolish woman, — the *rebbe* lectures her, — here you are, a poor sick woman, and I trust you for this bit of wood; I have faith that you'll pay me. And you have such a great and powerful God, and you don't trust Him, and you don't have faith in Him even for a silly six groshens' worth of wood!

— But who will lay the fire for me — the widow groans — Do I have strength to get out of bed? My son had to stay away at his job.

— I'll lay the fire for you, too. — says the *rebbe*.

* * *

And having put the wood in the oven, the *rebbe*, with a groan, recited the first verse of the penitential prayers...

And when he had lit the fire and it was burning merrily, he recited the second verse, somewhat more cheerfully...

And he recited the third verse when the fire had subsided into a steady glow and he closed the oven door...



און ניט וואַרטנדיק אויף אַ תּשובֿה, נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן.

* * *

דער ליטוואַק גנבֿעט זיך אויך אַרײַן, און, בײַם גרויען ליכט פֿון פֿריען מאָרגן, זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם כּלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? ווו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, אין גאַנצן זעקס גראָשן!

— פֿון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? — קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— נאַריש מענטש, — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנקע ייִדענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פֿאַרן בינטל האָלץ, קיין ביטחון נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? — קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כּוח אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך, — זאָגט דער רבי.

* * *

און, אַרײַנלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי קרעכצנדיק, געזאָגט פֿון סליחות דעם ערשטן פּיזמון...

און, אַז ער האָט אָנגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פֿריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פֿון די סליחות דעם צווייטן פּיזמון...

דעם דריטן פּיזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

* * *

The Litvak who saw it all stayed and became a Nemirover *khosid*.

And later, whenever a *khosid* said that the Nemirover gets up every morning during the Days of Awe and flies up to heaven, the Litvak would not laugh at all, but would add quietly:

— And maybe even higher!



Yehuda Vermos
"And maybe even higher"
(Woodcut)
יהודה ווערמוס
„אויב ניט
נאָך העכער"
(האָלצשניט)



* * *

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הויבט זיך אויף, סליחות־צײַט, יעדן פֿרימאָרגן, און פֿליט אַרויף אין הימל אַרײַן, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!



The Rabbi of Nemirov
Samuel Kagan
(Bronze, Wood & Rope)
דער נעמיראָווער
שמואל קאַגאַן